# אַ ווינטער-מעשׂה

די נאַכט איז געווען קאַלט. דרײַ מעת-לעתן איז געפֿאַלען אַ געדיכטער, פּוכיקער שניי, וואָס עס האָט באַדעקט די ערד, די ביימער, די דעכער מיט אַ דיקער, ווײַסער קאָלדרע. אין דרויסן איז געווען שטיל און ווינטלאָז, און די פֿאַלענדיקע שנייעלעך שימערירט אין דער ליכט פֿון די גאַס-לאַמפּן, און האָבן זיך אויסגעזען ווי קליינע שטערנדלעך פֿון הימל. אַדורך דאָס געפֿריר וואָס האָט איבערגעדעקט די פֿענצטער איז דער אויסלעג געווען שענער ווי אַ בילד פֿון אַ מאָלער - אַ וווּנדערשיינער ווינטער-פּייסאַזש.

אָבער עס איז געווען דאָס סיביר, און אין סיביר איז דער ווינטער אַ געפֿערלעכע צײַט. אַ שטילע נאַכט קען אין אַ רגע זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ זאַווערוכע, ווען מען קען ניט זען גאַרנישט אויף אַ מעטער פֿאַרויס., און דער אײַז-קאַלטער ווינט נעמט דורך אַדורך די ביינער. ניט איינער האָט זיך פֿאַרפֿירט געוואָרן אין די סיבירישע וועלדער.

און אויף צוגאָב זײַנען דאָ די וועלף. אין ווינטער זײַנען זיי הונגעריק און רציחהדיק. מע פֿאָרט ניט אַליין אין וואַלד אַרײַן, אָפֿילו מיט אַ שנעלפֿיסיק פֿערד.

אין דער אַלטער, הילצערנער שטוב איז געווען וואַרעם אַדאַנק אַ פֿײַער וואָס ברענט אינעם קאַמין. אַחוץ דעם איז דער צימער געווען פֿינצטער, די אָפּגלאַנצן פֿונעם פֿײַער האָבן געוואַרפֿן מאָדנע, אַלץ איבערבײַטנדיקע פֿורעמס פֿון ליכט און שאָטן אויף די ווענט. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ בעט, אָדער גיכער אַ וויג, מיט אַ קינד, אַ מיידל, וואָס איז געליגן אין דעם אַרײַן. אַרום זײַנען געשטאַנען אַ פֿרוי און אַ מאַן, אַ חסיד, מיט פֿאַרזאָרגטע אויסזען אויף די פּנימער. נאָך אַ דריטער מענטש שטייט אַ ביסל ווײַטער פֿון דער בעט. ער איז בפֿירוש אַ דאָקטער.

— זי איז קראַנק, מײַנע פֿרײַנד, זאָגט דער דאָקטער, און איך קען גאָרנישט טאָן דאָ, אין שטוב. זי דאַרף זײַן אין שפּיטאָל!

— אין שפּיטאָל? אָבער ווייסט איר ווי ווײַט איז די הויפּטשטאָט פֿון אונדז? ס'איז לכל-הפּחות דרײַציק ווערסטן, זאָגט דער טאַטע, מיט אַ דערשטיקטן קול.

— יאָ, איך ווייס, אָבער איך קען גאָרנישט טאַן, איך האָב נאָך עטלעכע קראַנקע געוויר צו ווערן. איך האָף אַז דו וועסט קענען דערגרײַכן בשלום דעם שפּיטאָל.

און ער פֿאַרט אַוועק אין דער שטילער נאַכט מיט זײַן שליטן.

דער חסיד קוקט אויף דער מאַמע און זאָגט:

— וואָס קען איך טאָן? איך מוז זי פֿירן אין שפּיטאָל. איך ווייס אַז אונדזער פֿערדל איז ניט אַזוי שטאַרק און ניט אַזוי גיך, אָבער איך האָב ניט קיין ברירה. גיב מיר דעם וואַרעמען פּעלץ, דעם ביקס און מײַן הייליקע ספֿר,

וויקל אונדזער טעכטערל אין וואַלענע קאָלדרעס, און גאָט זאָל אונדז שומר-ומצל זײַן!

ער גייט אין שטאַל, אײַנשפּאַנט דאָס פֿערדל אין דעם שליטן, און לייגט דאָס שלאָפֿנדיק קינד אין שליטן אַרײַן. די מאַמע שטייט וויינענדיק פֿאַר דער טיר און שרײַט:

— פֿאָרט אַוועק מיט גאָטס הילף און קומט צוריק געזונטערהייט!

מיט דעם, טוט ער אַ מאַך מיטן בײַטש, און איז אַוועק!

-//-

די נאַכט איז געבליבן שטיל. דער שניי פֿאַלט אַלעמאַל, אָבער ווי ווײַטער אַלץ ווייניקער. די לבֿנה שײַנט אַדורך די דינע וואָלקנס, און דער וואַלד איז געווען אַמאָל אין ליכט, אַמאָל אין שאָטן. דאָס פֿערד ציט דעם שליטן מיט אַלע זײַנע כּוחות, גלײַך ווי ער ווייסט וואָס לונגט אינעם וואַלד. אין דער שטילער נאַכט קען מען גאָרנישט הערן אַחוץ די טריט פֿונעם לויפֿנדיקן פֿערד און זײַן שווערן אָטעם. דער טאַטע זיצט האַלטנדיק דאָס קינד צו זײַן ברוסט און קוקט זיך שרעקעוודיק אַרום.

פלוצעם דאָס פֿערד ציטערט, האַלט זיך אָפּ און הירזשעט שטילערהייט. דער טאַטע קוקט זיך אויף אַהינטער, און זעט מיט זײַן גרויסן שרעק פֿיר שײַנענדיקע פינטעלעך.

— וועלף, טראַכט ער, זיי האָבן אונדז דערשמעקט! שרײַענדיק „פֿאַשאָל"[1] בײַטשט ער דאָס פֿערדל: „פֿאַשאָל"! דאָס פֿערד טוט זיך אַ ריס פֿאָרויס, און ציט דעם שליטן אַוועק ווי דער ווינט, מיט אַזאַ גוואַלד אַז דער טאַטע און דאָס מיידל זײַנען אַרויסגעוואָרפֿן פֿונעם שילטן.

— אוי געוואַלד! גאָטעניו ראַטעוועט אונדז! שרײַט דער טאַטע, — האַב רחמנות אויף מײַן קינד, אַ טײַערע נשמה!— רבונו-של-עולם, איך בעט זיך בײַ דיר, לאָזט ניט די וועלף דערהרגענען אַזאַ יידישע מיידל.

גאָרנישט! גאָרנישט איז געשען. נאָר דער געוווי פֿון די וועלפֿן דערנענטעט זיך ווי ווײַטער אַלץ מער.—ראַטעוועט, גאָט, מײַן ליבע גאָטעניו. אַניט. האָב איך ניט קיין ברירה, איך וועל זיך ווענדן צו די בייזע כּוחות, די בײַזע מאַכטן, אַפֿילו... צו די סיטרא-אחרא! ראַטעווע אונדז!

ער קוקט אַרום זיך, און ער באַמערקט אויפֿן שניי זײַן ספֿר. פּלוצלינג ווייסט ער וואָס ער דאַרף טאָן: ער דריקט אויס, מיט אַלע זײַנע כּוחות, דעם צוויי־פֿאַכיקן שם!

און מיט אָט די ווערטער איז אַ שטילקייט אַרום געפֿאַלען, און מען קענט ניט הערן מער די ווי פֿון די וועלף, און דער טאַטע פֿאַלט אויפֿן שניי

1 דאָס הייסט " גיי גיך"

אין אַ חלשות.

ניט לאַנג שפּעטער האָט מען אים געפֿונען פֿאַרפֿרוירן אין דעם שניי. ער איז געווען טויט, אָבער די אויגן זײַנען געווען געעפֿנט, אַזוי ווי אין דעם שטאַרקן שרעק.

און דאָס מיידל? זי איז געשווונדן געוואָרן, און מען האָט זי ניט מער געזען. אָבער, אַ מאָדנע זאַך, עס זײַנען ניט געווען ניטאָ קיין וועלף-שפּורן, ניט אַרום דעם טאַטן, און ניט אין זײַן געגענט אַרום.

—דער שניי האָט זיי באַדעקט, זאָגט איינער,

—ניין, זאָגט דער צווייטע, מיר האָבן ניט געהאַט קיין שניי!!

און זיי קראַצן זיך די קעפּ און פֿאָרן אַוועק.

און אַ מעשׂה איז געבוירן געוואָרן פֿון דעמאָלט אָן. די בעל-עגלות שווערן זיך אַז אויף אַ שטילער נאַכט, טיף אין דעם ווינטער-וואַלד, אַ מיידל, שיין ווי די לבֿנה, קומט אַרויס פֿון צווישן די ביימער, און ציט צו די אומפֿאָרזיכטיקע בעל-עגלות מיט איר, און זיי פֿאַרשווונדן ווערן אין אייביקייט.

איך ווייס ניט צי אָט די מעשׂה איז דער אמת צי ניין, אָבער מע האָט עס מיר דערציילט, און איך גיב זי איבער צו אײַך.